# משנתו

מאמרים, מאורעות ופעולות בתוככי היהדות הנאמנה ההולכים לאורו של

## מרן רביה"ק מסאטמאר זי"ע

יו"ל ע"י תלמידי וחסידי סאטמאר - ארה"ב

שנה ז' גליון קצ"ו | וישב - מקץ/חנוכה תשפ"ו לפ"ק


# זעקה גדולה ומרה!!!



## פייערדיגע דברות קודש פון כ"ק מרן אדמו"ר מסאַטמאַר שליט"א

ביים סעודת הודאה כ"א כסלו, במשנתו פון בעל הנס מרן רביה"ק מסאַטמאַר זי"ע

### חוב צו שרייען געוואַלד

"ס'טוט זייער וויי, עס קומען שמועות נוראות אז ס'זענען דא אזעלכע וואס זענען גרייט צו מאכן פשרות ... ס'ליגט א פליכט און א חוב צו שרייען געוואלד, א זעקה גדולה ומרה, מ'טאר נישט מפקיר זיין נפשות ישראל צום טמא'נעם שמד, צי ער לערנט יא פלייסיג צי ער לערנט נישט פלייסיג

### חלילה וחלילה נישט מאַכן קיין פשרות

"... כ'בעט זיי נאכאמאל מיט א בקשה מ'זאל חלילה וחלילה נישט מאכן קיין פשרות, נאר עומד זיין על המשמר מיט מסירות נפש פאר'ן כבוד פון הייליגן באשעפער און די הייליגע תורה

### רעדן פון א פשרה איז 'הכשר' אויף טמא'נעם מיליטער

"... דאס עצם אז ס'גייט ארום א קלאנג אז מ'פארהאנדלט און מ'איז גרייט צו מאכן פשרות, איז שוין א חורבן, ווייל דאס געט שוין א היתר און א הכשר פאר די שוואכערע צו גיין אין מיליטער.

### שרעקליכער פחד פון גזירת הגיוס

"... אין ארץ ישראל האב איך געהערט פערזענליך דער גרויסער פחד וואס איז נוגע גיוס, לא יאומן כי יסופר.

"... ס'איז היינט גאנץ אנדערש ווי ס'איז אמאל געווען. ס'איז געווארן ארגער און ארגער. אמאל איז געווען פארשידענע אופנים ווי מ'האט זיך געקענט ארויסדרייען און פטור ווערן פונעם מיליטער, ס'איז היינט אנדערש, זיי זענען מדקדק אויף א מורא'דיגן אופן, ה' ירחם.

### איינציגער אַדרעס איז "מרכז עזרה ויעוץ"

"... דאָס איז א פחד אין אַלע קרייזן, דער איינציגער אדרעס וואו יעדער ווענדט זיך צו הילף דאס איז מרכז עזרה ויעוץ, זיי זענען די עסקנים וואס זענען עוסק מיט איבערגעגעבנקייט פאר אלע קהלות, לכל דורש ומבקש, און ב"ה אז זיי האבן הצלחה אין זייער ארבעט. נישט אלעמאל, פארשטייט זיך.

### געפאָרן נאָר צו רבי שמעון

"... ס'איז געווען א געוואלדיגער כבוד פאר'ן פעטער זכרונו לברכה, ... ס'זענען געפארן אפאר טויזנט אידן קיין ארץ ישראל, 'נאר' צום הייליגן תנא רבי שמעון. געפארן צו רבי שמעון, און פון דארט איז מען אהיימגעפארן!

"... דאס איז פירות, תלמידים וואס זיי גייען אין די שיטה פון פעטער זכרונו לברכה, מיט אלעם וואס ער האט מחנך געווען און געלערנט, וואס איז נוגע קדושת ארץ ישראל והמסתעף לויט די שיטה פון ויואל משה. ס'האט געהאט א געוואלדיגע אפקלאנג אין ארץ ישראל און אין די גאנצע וועלט.

### מוסדות הק' אין אר"י וואַקסן בכמות ובאיכות

"אונז האמיר געזען, געלויבט דעם הייליגן באשעפער אז אונזערע מוסדות אין ארצינו הקדושה אין ירושלים, בני ברק, און בית שמש, געלויבט דעם הייליגן באשעפער ס'איז מתרחב ס'וואקסט בכמות ובאיכות.

"בנינים מפוארים, נייע בנינים, הערליכע בנינים, בתי מדרשות, בתי חינוך לבנים ולבנות, ישיבות פאר בחורים, כולל אברכים, שיינע חשוב'ע קהלות, אונזערע חברי קהלתינו זענען חסידים ואנשי מעשה, תלמידי חכמים ויראי השם, וואס גייען אין די שיטה פון ויואל משה בכל לבם ונפשם.

### מרים געווען כח פון "קרן הצלה"

"... מ'דאַרף מרבה צו זיין און פאַרשטאַרקן מעשי צדקה וחסד פאַר מוסדות התורה, סיי אין ארץ ישראל און סיי אין חו"ל, אָדער פאַר יחידים וואָס זענען נצרכים.

"אויך פאַר קרן הצלה. כ'דאַרף אַרויסברענגען א תשואות חן פאר די חשוב'ע נדבנים וואס האבן לעצטנס מנדב געווען א מיליאן דאלאר פאַר קרן הצלה, ווען אונז זעמיר געווען אין ארץ ישראל, א גרויסן יישר כח, זיי זענען מרים דעם כח פון קרן הצלה, פאר די אלע מוסדות וואס זענען נישט נהנה פונעם ממשלת הטמאה משולחן איזבל.

### אויסלענדישע בחורים אין ארץ ישראל גייען חרוב

"... איך בין געווען אין ארץ ישראל, האב איך געזען מיט מיינע אייגענע אויגן דאס התנהגות פון בחורים פון חו"ל אין די אר"י גאַסן.

"... איך זאג עס ברבים בתורת עדות, איך האב זיי געזען זיך ארומדרייען אין די גאסן, ברחובה של עיר, מיט א גרויס הפקרות.

### טשעפען קרית יואל - א שפיל מיט פייער!

"... ס'איז דא מענטשן וואס טוען פעולות ארייננצוברענגען [אין קרית יואל המורחבת] תושבים פון קהלות שונות, וואס האבן אן אנדערע השקפה אין ענין פון התבדלות פון ציונות.

"... איך פארשטיי נישט, זיי ווייסן די הקפדה פונעם פעטער זכרונו לברכה, וויאזוי זענען זיי נישט חושש אויף דעם? וויאזוי האבן זיי נישט מורא פון דעם? ער איז געווען א געוואלדיגער קפדן, און אויף דעם איז געזאגט געווארן הזהרו בגחלתן ווייל ס'איז גחלי אש. און ווער ס'איז עובר אויף דעם שפילט זיך מיט פייער.

"... ער וועט נישט אפקומען מיט גארנישט! ער וועט זיך מיט אים אפרעכענען! דער אויבערשטער זאל האלטן די רעכטע האנט אויף אלע אידישע קינדער.

ככל אשר צויתני:

## הרה"ח ר' שמעון שישא, ראש המצילים פון מרכז עזרה ויעוץ, טעלעפאנירט היינטיגן מיטוואָך צום סאַטמאַרער רבי'ן שליט"א מיט פריידיגע באַריכט איבער דראַמאַטישע אויסברייטערונג פון 'עזרה ויעוץ' אָפיס אין בני ברק

רבי שליט"א געהאַט פערזענליך געבעטן ר' שמעון, אויסצוברייטערן אָפיסעס, ספעציעל אין ירושלים און בני ברק



ביי ספעציעלע מסיבה לכבוד גרויסע שמחה פון ראש המצילים הר"ר שמעון שישא שליט"א, מיט חתונה פון עלצטן קינד

## פרישער מציל אויפגענומען אין בני ברק

אין צוגאָב צו ביז-איצטיגן מסירות נפש'דיגן מציל הר"ר ישראל דירנפעלד, וואָס יומם ולילה לא ישבות צו ראַטעווען אידישע נשמות, ווערט אויפגענומען הר"ר יושע שטיינמעטץ, מחשובי אנ"ש דסאַטמאַר-בני ברק, וועלכער וועט זיין געווידמעט זיך אָפצוגעבן ספעציעל מיט סאַטמאַרער בחורים — צענדליגער היימישע בחורים פטור געוואָרן פון מיליטער אין לעצטע וואָכן

### וטמאים ביד טהורים: נייער הערליכער פאַרברייטערטער "עזרה ויעוץ" אָפיס וועט בע"ה געעפנט ווערן באַלד נאָך חנוכה אין בני ברק

משה יודא יואל ווייס

# קאַמף קעגן
# טריפה'נע שקאַלעם אין ארה"ק



**פארזעצונג פון פריער:**

די מלחמה קעגן חינוך הטהור אין ירושלים עיה"ק לאָזט נישט נאָך. יעדע עטליכע יאָר טרעפט דער שטן פרישע שלוחים, און זיי גייען אָן מיט אומאויפהערליכע פרואוון צו צוברעכן דעם חינוך הטהור.

**און אצינד ליינט ווייטער:**

## ארי עלה מבבל

כלל ישראל האָט באַקומען א הבטחה פונעם אויבערשטן, "כל זמן שיהיו מהרסים יהיו גודרים". אַזוי לאַנג ווי ס'איז דאָ ווער עס וויל אונטערברעכן און צושטערן, וועלן זיין די גדולי ישראל וואָס וועלן באַשיצן און באַפעסטיגן.

זיכער אַזוי ווען עס איז די רעדע פון ירושלים עיה"ק.

די זעלבע צייט וואָס דער שטן האָט נישט אויפגעהערט שיקן זיינע שלוחים, האָט די השגחה עליונה מאַנעווירט אַז דאָס ירושלים'ער אידנטום זאל באַקומען א פעלזן-פעסטער כח, וואָס זאָל באַפעסטיגן און אַוועקשטעלן די מלחמה לה' בעמלק - און עפּעס וואָס איז אָנגעקומען בכלל נישט 'לויט'ן פּלאַן'.

### מיט גדולי ישראל

רבי משה יהושע יהודה לייב דיסקין, אויך באַקאַנט אַלס "דער שרף פון בריסק", איז געווען אַן אייניקל פון א באַרימטע ליטווישע משפּחה פון מתנגדים. זיין זיידע רבי יהודה לייב חסיד איז געווען פון די ערשטע עולים קיין אר"י מיט דער עלי' פון די תלמידי הגר"א, און דער יונגער רבי משה יהושע לייב איז בליץ שנעל געוואָרן א באַרימטער נאָמען אין די ליטוויש-ישיבה'שע וועלט.

אין א גאָר יונגן עלטער איז ער געוואָרן רב אין קאָוונע. שפּעטער, זייענדיג בלויז 25 יאָר אַלט, האָט מען אים אויפגענומען אויף זיין טאַטן'ס אָרט אין לאמזשע, און פון דאָרט אַריבער צו די גרעסטע שטעט אין ליטא, מינסק, שקלאוו, און צום לעצט אין די גרויסע שטאט בריסק.

במשך די אַלע יאָרן האָט ער אָנגעקניפּט באַציאונגען מיט די גרעסטע ליטווישע גדולים - עפּעס וואָס איז אים שפּעטער גאָר שטאַרק צונוץ געקומען דורכאויס די מלחמה לה' בעמלק וואָס ער האָט געפירט אויף זיין שאַרפן מהלך, נישט נאָכגעבן קיין זיז כל שהו, און די גדולי ישראל אין חו"ל האָבן פונדערווייטנס געגעבן חיזוק און שטיצע, זייענדיג באַקאַנט מיט דעם געוואַלדיגן כח התורה און אש להבה פון בריסקער שרף.

### אַנטלאָפן

זייענדיג דאָרט אין בריסק האָט זיך אָפּגעשפּילט א טרויעריגע פרשה.

עמיצער האָט זיך געג'גט פון זיין ווייב ל"ע, און ער האָט באַקומען א גרויסן סכום געלט פון די ווייב. זי האָט איינגעלייגט דאָס געלט ביים רב אַלס פקדון, אָבער נאָכ'ן געבן דעם גט איז זי געקומען צו די בריסקער רביצין, וועלכע האָט איר אַרויסגעגעבן די פקדון-געלטער.

יענער מאַן איז געלאָפן און גערופן דעם רב אין געריכט, וועלכער איז גענומען געוואָרן אין אַרעסט, און ס'האָט אים געדראָעט יאָרן תפיסה מיט צוואַנג-אַרבעט אין די פאַרפרוירענע סיביר, ה"י. עווענטועל איז דער רב באַפרייט געוואָרן דורכ'ן געריכט.

דער כעס'יגער מאַן האָט זיך נישט אָפּגעשטעלט. ער האָט געדינגען א פּאָליציאַנט וואָס האָט באַשולדיגט דעם רב מיט א בלבול אַז ער פירט אַריבער געלט פון די קהל'ישע "גאבעלע" (שחיטה שטייער) פאַר די פוילישע אונטערגרונד [יענע יאָרן איז פוילן געווען אָקופּירט דורך רוסלאַנד, אָבער פילע נאַציאָנאַליסטישע פּאָלאַקן האָבן געקעמפט צו באַפרייען דאָס לאַנד פון אָקופּאַציע. ליידער זענען פילע אידן אויך געווען פאַרכאַפּט אין די באַוועגונג.]

דאָס איז שוין געווען א געפערליכע באַשולדיגונג, און האָט אַרויסגערופן געוואַלדיגע שרעק. א וואָך בעפאָר דעם משפט האָט מען באַוויזן אַרויסצושמוגלען דעם רב פון טורמע, און ער מיט זיין משפּחה זענען אַנטלאָפן פון לאַנד.

### ארי עלה מבבל

אין עלטער פון כמעט זעכציג יאָר האָט דער בריסקער רב גענומען דעם וואַנדער שטעקן אין דער האַנט, און ער האָט באַשלאָסן צו גיין אין די פסיטריט פון זיין זיידן, אַרויפצוגיין קיין ירושלים עיה"ק זיך דאָרט אויסלעבן די יאָרן.

זיין אָרגינעלער פּלאַן איז מסתמא געווען, ווי דאָס פון אַזויפיל אַנדערע געהויבענע אידן אין ירושלים של מעלה פון יענע תקופה, צו קומען אל עיר ה' שמה און זיך אויסלעבן די יאָרן במנוחה, דינען דעם אויבערשטן על התורה ועל העבודה און נישט וויסן פון גאָרנישט אויף דער וועלט.

די השגחה עליונה האָט אָבער אַנדערש געוואָלט. ראש חודש מנחם אב תרל"ז האָט דער בריסקער רב באַטראָטן די הייליגע ערד פון די הייליגע שטטא. ער איז אָנגעקומען קיין ירושלים עיה"ק אין א קריטישע תקופה, ווען די משכילים און רעפאָרמער פון איבער דער גאָרער וועלט האָבן זיך אַנטשלאָסן אַריינצושטעלן זייערע לאַפּעס אין ארץ הקודש, און ס'איז זיי געגאַנגען אין לעבן צו האָבן א פאָרמאַלע אחיזה אין ירושלים עיה"ק.

### השטן הבוחר בירושלים

ס'איז געווען צוואָנציג יאָר נאָך דער ערשטער חרם וואָס איז פאַרעפנטליכט געוואָרן אין יאָר תרט"ז קעגן דאָס לערנען שפות זרות אין בתי חינוך אין ירושלים, און דורכאויס די צוואָנציג יאָר זענען שוין געמאַכט געוואָרן מערערע פרואוון - וואָס טייל פון זיי האָבן מיר אויסגערעכנט אין די סעריע ביז אַהער - צו דורכברעכן די דאָזיגע חומה בצורה.

יענע יאָרן האָט זיך אָנגעהויבן אַנטוויקלען א נאַציאָנאַליסטישע באַוועגונג ביים אידישן פאָלק. ס'וועט נאָך נעמען צוואָנציג יאָר ביז הערצל ימ"ש וועט גרינדן די ציוני'סטישע באַוועגונג, אָבער די 'חובבי ציון' זענען שוין געווען פול אַקטיוו, און אַסאַך האָבן אָנגעהויבן טראַכטן פון א מעגליכקייט אַז מיליאָנען אידן וועלן זיך באַזעצן אין ארצינו הקדושה.

פאַר די משכילים איז דאָס באַטראַכט געוואָרן ווי א געלעגנהייט. מילא די רעפאָרמער, זיי האָבן שוין געהאַלטן אַסאַך ווייטער, זיי האָבן שוין אויסגעריסן רח"ל דעם גאַנצן באַגריף פון 'שיבת ציון', אויסמעקנדיג די ווערטער פון זייער 'סידור', אָבער די וועלכע זענען נאָכנישט געווען אַזוי ווייט פאַרקראָכן, אָבער האָבן יאָ געזוכט צו 'פאַרבעסערן' אידישקייט און עס צופּאַסן צו זייערע שרעקליכע אידעען.

פאַר זיי איז געוואָרן זייער וויכטיג צו קענען אַריינשטעקן א פוס אין ירושלים עיה"ק, און דאָס באַהערשן דעם חינוך איז דורך זיי באַטראַכט געוואָרן אַלס וויכטיגער שליסל, זיי זענען דעריבער געווען אַנטשלאָסן דאָס אויסצופירן.

זה לעומת זה האָט מען פון הימל צוגעגרייט די רפואה פאַר די מכה.

(פארזעצונג קומט אי"ה)

על משמר החינוך
דרכי המלחמה עפ"י משנתו של מרן רביה"ק מסאטמאר זי"ע

# שלומי אמוני ישראל קוקן אַרויס מיט אַנגסט אויף אַנטוויקלונגען אַרום שענדליכן פּשרות'דיגן חוק הגיוס

קלאַנגען אַז "אגודת ישראל" וועט זיך קעגנשטעלן דעם געזעץ אין איר איצטיגער פאָרעם – א צאָל חברי כנסת המינים פון "ליכוד" און מזרחי'סטישע פּאַרטייען זענען קעגן געזעץ ווייל ס'גייט 'נישט גענוג ווייט' – מנהיגים פון "דגל התורה" און ש"ס פּאַרטייען לאָזן מאָמענטאַל גיין פאָראויס מיט'ן שרעקליכן געזעץ (וואָס איז אויסטערליש שעדליכער 'מעסעדזש', בפרט פאַר שוואַכערע בחורים)

**פאָלגנד זענען די פולע דעטאַלן פון די פאָרגעשלאָגענע פּשרות, הי"ל"ת**

## שרעקליך-הויכע יעדים

- ביז ענדע יוני '27 למספרם (כ"ו סיון תשפ"ז): 8,140 קרבנות (אַריינגערעכנט די 5,870 פון ביז יוני '26);
- ביז ענדע יוני '28 למספרם (ז' תמוז תשפ"ח): 6,840 קרבנות;
- ביז ענדע יוני '29 למספרם (איין טאָג נאָך שבעה עשר בתמוז תשפ"ט): 7,920 קרבנות;
- ביז ענדע יוני '30 למספרם (כ"ט סיון תש"ץ): 8,500 קרבנות;
- פון דאָ און ווייטער: יעדעס יאָר ביז אַזויפיל ווי 50% פון חרדי'שע בחורים אין גיוס-יאָרגאַנג.

## פינאַנציעלע סאַנקציעס אויף ישיבות

- ווען דער געזעץ גייט דורך וועלן ישיבות באַקומען נאָר 50% פון זייער געווענליכן בודזשעט;
- אויב ביז ענדע יוני למס' וועלן אָנקומען אין צה"ל די פאַרלאַנגטע 8,140 קרבנות, וועלן זיי באַקומען דאָס איבריגע געלט פאַר יענעם יאָר;
- אויב קומט מען נישט נאָך די יעדים פון איין יאָר, פאַרלירט מען די האַלב וואָס די ישיבות האָבן נאָכנישט באַקומען, ווי אויך וועלן די ישיבות בכלל נישט באַקומען קיין געלט פאַר'ן נאָכפאָלגנדן יאָר.

## אויפזיכט אויף ישיבות

- יעדע דריי חדשים וועלן ספּעציעלע 'אינספּעקטאָרס' אַרומגיין אין אַלע ישיבות נאָכצוגיין יעדן איינציגן בחור און יונגערמאַן צי ער לערנט טאַקע אין די ישיבה;
- איינער וואָס לערנט נישט 45 שעה א וואָך (א יונגערמאַן איז 'געגנוג' 40), ווערט אויטאָמאַטיש 'אַרויסגעוואָרפן' פון ישיבה, און געצווינגען צו גיין אין טמא'נעם מיליטער;
- א ראש ישיבה וואָס מ'וועט אים כאַפּן אַז ער האָט אונטערגעשריבן א 'פאַלשע' תצהיר פאַר א בחור כאילו ער לערנט ביי אים, וועט דאַרפן צאָלן 1,500 שקלים קנס פאַר יעדן 'פאַלשן' תלמיד;
- אויב דער אינספּעקטאָר באַשליסט אַז 5% אָדער מער פון איינגעשריבענע אין ישיבה זענען 'פאַלשע' נעמען, וועט דער ראש ישיבה ווערן באַשטראָפט מיט 20,000 שקלים;
- דאָס איז אויסער די מעגליכקייט פון א טורמע שטראָף ביז 5 יאָר! ה"י

## פּריוואַטע סאַנקציעס אויף בחורים

- א חרדי וואָס שטעלט זיך נישט צום מיליטער [אפילו אויב ער לערנט אין א ישיבה], וועט נישט קענען מאַכן קיין דרייווערס לייסענס בעפאָר די 23;
- וועט נישט קענען אַרויספאָרן פון לאַנד בעפאָר די 23 יאָר, אויסער מיט רשות פון א ספּעציעלע 'אויסנאַם' קאָמיטע;
- וועט נישט באַקומען געוויסע 'סטודענטן געלטער';
- נאָך א יאָר אויב מ'קומט נישט נאָך 75% פון די יעדים (וואָס שטייגט צו 80% אינעם צווייטן יאָר און 90% אינעם דריטן יאָר) ווערן די סאַנקציעס נאָך שטייפער: מ'וועט פאַרלירן די מעגליכקייט פון באַקומען געלטער פאַר קויפן א דירה (אַן ערנסטער פאַרלוסט לויט'ן היינטיגן מצב);
- געוויסע שטייער סובסידיעס וועלן ווערן אַוועקגענומען;
- יונגעלייט וואָס די ווייבער אַרבעטן וועלן נישט קענען באַקומען קיין "בעיביסיטינג געלטער" ("מעונות"), וואָס איז א פאַרלוסט פון טויזנטער שקלים חודש'ליך;
- די סאַנקציעס שטייגן העכער יעדעס יאָר וואָס מ'קומט נישט נאָך די יעדים.

---

"מחזיקים" ווינקל

# געלונגענער קאַמפּיין פאַרגעקומען פאַרגאַנגענעם פר' וישלח אין בית מדרש אהל פיגא דקהלתינו הק' קרית יואל לטובת קופּת "קרן רמ"א", באַקאַנט אַלס איינע פון די גרעסטע "בתי מדרשים" קופּות אין שטאָט מיט חלוקות פון איבער 4 טויזנט דאָלאַר יעדן איינציגן חודש פאַר מוסדות על טהרת הקודש בארצינו הק'

גלייכצייטיג איז אויפגענומען געוואָרן מיט פרייד די נייעס אַז דער באַגאַבטער עסקן הרה"ח ר' בנימין אר' לייבוש הירש ני"ו, מגדולי עסקני מפעל "רופא חולים", איז נתמנה געוואָרן צו שטיין בראש פון קופּת "קרן הרמ"א", עס ווייטער אויפצובויען און פאַרברייטערן ביתר שאת ויתר עוז, מיט די שטאַרקע וואַרימקייט פונעם ציבור תלמידי מרן רביה"ק זי"ע וועלכע פאַרשטייען די געוואַלדיגע זכי' פון שטיצן מוסדות עטה"ק.

---

# א האַרציגע ברכה פאַר רבי שמעון שישא: "ער זאָל בלייבן אָן א זשאַב"...

אין לעבהאפטע סקיט ביי שבע ברכות פאַרגאַנגענעם זונטאָג לרגל די היסטאָרישע חתונה פון דור רביעי ביי כ"ק מרן אדמו"ר מסאַטמאַר שליט"א



# ריזיגע מחאה דורך יהדות לאָנדאָן
# היינטיגן דאָנערשטאָג קעגן
# ביטערן גזירת הגיוס אין ארה"ק













הר"ר שמעון שישא טרעט אויף פאַר די עלטערע
כיתות פון מוסדות סאַטמאַר-ירושלים היינטיגן
דאָנערשטאָג לרגל כ"א כסלו

# שאַרפער בריוו פון קאָנגרעסמאַן לאָולער צום ראש הכופרים ביבי נתניהו שר"י איבער שענדליכע רדיפות פונעם גזירת גיוס בני הישיבות



His Excellency Benjamin Netanyahu
Prime Minister of the State of Israel
3 Kaplan Street
Kiryat Ben Gurion, Jerusalem, Israel 91919

September 19, 2025

**Honorable Prime Minister Netanyahu,**

I write to you with profound respect for your distinguished leadership and unwavering commitment to the State of Israel, the Jewish people, and the enduring bond between the United States and Israel, a relationship rooted in shared values, common interests, and a longstanding friendship that is vital to the security, prosperity, and democratic ideals of both nations. Your guidance has long been a source of strength for Israel, and your dedication to safeguarding the rights and well-being of all citizens is widely recognized and deeply admired.

It is with this respect that I bring to your attention a concern faced by American citizens who also hold Israeli citizenship. As you are aware, the Attorney General has ordered sanctions against yeshiva students who do not participate in military service. These measures include travel restrictions preventing individuals who are dual citizens of the United States and Israel from leaving the country.

We respectfully appeal to you to ensure that these American citizens are allowed to leave Israel freely and have the ability to visit and return to the United States if they choose. While I am confident that the issue may ultimately be resolved in the longer term, it is critical that immediate steps be taken to lift these travel restrictions. American citizens, like all citizens, deserve the full protection afforded by their nationality, particularly those who maintain deep familial, professional, and personal ties in the United States through their dual citizenship.

I thank you for your attention to this urgent matter and for your continued dedication to the principles of justice and fairness that strengthen Israel and its vital relationships with its allies abroad.

**Sincerely,**

Michael V. Lawler
Member of Congress

בריוו געשיקט געוואָרן אין די טעג בעפאָר פאַרגאַנגענעם ר"ה, ווען פילע אַמעריקאַנער בחורים מיט טאָפּלטער בירגערשאַפט (אַמעריקע און איזראַעלי) האָבן נישט געקענט אַריין און אַרויספאָרן פון לאַנד צוליב גזירת הגיוס

**לעכערליכער שפּיל פון חבר כנסת המינים פּרוש וואָס איז געלאָפן צו די מידיאַ נעמען קרעדיט פאַר'ן בריוו**

# דרינגענדע אסיפה פאַררופן דורך כ"ק גאב"ד ירושלים שליט"א ובית דינו הצדק היינטיגן ליל שישי וישב פאַר אַלע מורי הוראה ורבני העדה החרדית, איבער ווייטערדיגע שריט בנוגע גזירת הגיוס



בית דין צדק
BETH DIN TZEDEK
OF THE ORTHODOX
JEWISH COMMUNITY
JERUSALEM

בזעקך יצילוך קיבוצך

ראש המצילים הר"ר שמעון שישא מיט וויכטיגע דעטאַלן איבער ווייטערדיגע שטאַפּלען פון גזירה

## מאיר עיני ישראל

משגרים אנו בזה מלא כסא דברכתא בברכת רבנן אל מול רב האי גאון הגדול, מעוז ומגדול, פה מפיק מרגליות, משיב לב בנים אל אבינו שבשמים, גודר גדר ועומד בפרץ, ראש וראשון לכל דבר שבקדושה, מגדולי תלמידי מרן רביה"ק הברך משה זי"ע, ועושה ומעשה יומם ולילה בלי ליאות להפצת משנתו של מרן רביה"ק מסאַטמאַר זי"ע קבל עולם ומלואה, ה"ה

## הגה"צ מלהיב לבבות ישראל
# רבי מאיר צוויבל שליט"א

**מרבני סאַטמאַר-וויליאַמסבורג ומח"ס נר המאיר - מרבני ועד משמרת חומותיך ירושלים דקהל יטב לב דסאַטמאַר**
**ובמיוחד ידיו רב לו להיות לעזר ולאחיסמך ל'עזרה ויעוץ' ולכל המוסדות עטה"ק כל היום ולילה עמו**

**לרגל השמחה הגדולה השורה בביתו**
**בנישואי בתו הצעירה כלילת המעלות נ"י**

ויהא רעוא מן שמיא שיבא על שכרו משלם, יבורך מפי עליון בכל הברכות האמורות בתורה, ויזכה לרוות רב נחת דקדושה מכל יוצ"ח, אך טוב וחסד ירדפנו כל ימי חייו, ויזכה לראות בנים ובני בנים כשתילי זתים סביב, עוסקים בתורה ובמצוות על דרך ישראל סבא, יצו ה' אתך את הברכה אורך ימים אושר ועושר וכבוד חיים, עדי נזכה בקרוב לראות בישועת ישראל ושמחתן בהתגלות כבוד שמים עלינו, בביאת משיח צדקינו בב"א.

הנהלת מרכז עזרה ויעוץ בארה"ק
**חיים ראָטה – יו"ר**
**שמעון שישא**

הנהלת המרכז בארה"ב **יצחק שיפּף – יו"ר**
**פּנחס אלימלך גליק**
הערשל פריעדמאַן
שלמה מנשה פּאָלקאָוויטש
אברהם יושע טעללער

רבני ועד משמרת חומותיך ירושלים דסאַטמאַר
**דוד שלמה עקשטיין**
**נפתלי הירצקא צוויבל**
**בנציון לאָוב**

## ברכת מזל טוב

לידידינו החשוב
עוסק בצרכי ציבור באמונה
הרה"ג ר' **יואל הלוי**
**גרובער** שליט"א
עסקן לטובת
מרכז עזרה ויעוץ
לרגל **נישואי בנו** למז"ט

יה"ר שאך טוב וחסד ירדפנו
כל הימים, ויוכל להמשיך
בעבודתו הק' ביתר שאת ויתר עוז

# זיך מזכיר צו זיין פאַר א ישועה ביי רבי שמעון בר יוחאי

**און שיקן א קוויטל וואס וועט ווערן פארגעליינט ביים ציון**
**קודש הקדשים דורכ'ן בעל מסירת נפש הר"ר שמעון שישא שליט"א**
רופט דעם עסקן המרכז בארה"ב הר"ר הערשל פר"מ הי"ו אויף 718.977.5227

**להערות והארות אדער פאר מוסדות עטה"ק וועלכע ווילן אדווערטייזן**
**אין אונזער גליון ביטע שיקן אן אימעיל צו** mishnuso@gmail.com